ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



ב' אדר א' תשס"ה

פרשת תרומה

טייערע קינדער שלוחים,

א גוט'ן ערב שבת. ב"ה מיר האלטן אין גאר פריילעכע טעג! איך בין זיכער אז איר אלע טאנצט שוין מיט די שמחה פון אדר. מיר זיינען אזוי גליקלאך אז דעם יאר האבן מיר צוויי חדשים אדר און מיר קענען זיין בשמחה אין א דאפעלטן מאס! לאמיר זיכער מאכן אז אונזער שמחה זאל אויפטאן שמחה ביי אנדערע און בעיקר ברענגען שוין דעם שמחה פון משיח נאו!!

איידלה וועכטער

## חודש אדר



### משנכנס אדר מרבין בשמחה

**ראש חודש אדר א'**

לכבוד ראש חודש אדר א', קינדער פון ארום דער וועלט וואס זיינען "הום-סקולד" - זיי לערנען איז שטוב- האבן געשפילט א

### גרויסארטיקע בינגו גיים!

דער שפיל איז געווען אויף דעם טעלעפאן און 60 ילדי השלוחים האבן איינטיילגענומען.

די קינדער האבן זייער הנאה געהאט מיט דער שפיל, און האבן אויכעט געלערנט וועגן דער ספעציעלע דאטונג אין חודש אדר.

<u>די קינדער וואס האבן געוואונען זיינען:</u>



מושקא סימענט, מנחם מענדל שטראקס, שניאור זלמן מטוסאף און זאבי פעלדמאן.



## לעבן מיט דער צייט

### <u>פרשת תרומה</u>

"ועשו לי מקדש"

בנוגע דער מצוה פון בויען דעם בית המקדש זאגט דער רמב"ם: "ומצוה מן המובחר לחזק את הבנין ולהגביהו כפי כח הציבור..ומפארין אותו ומייפין כפי כחן, אם יכולין לטוח אותו בזהב ולהגדיל במעשיו הרי זה מצוה" (עס איז א מצוה מן המובחר צו שטארקן דעם בנין און אים באשיינען וויפל מען קען נאר. אויב מען קען אים ארומשמירן מיט גאלד איז דאס א מצוה).

דער לימוד דערפון פאר יעדער אידן:

בשעת דער אויבערשטער האט געשענקט א אידישן קינד - איינגעלע אדער מיידעלע - אדער אן ערוואקסענעם איד, מיט גרעסערע מעגלעכקייטן ווי א צווייטן

–צום ביישפיל: ער (זי) האט מערער צייט, אדער א בעסערע קאפ, און א שנעלערע תפיסה:

אדער ער (זי) באקומט פון די עלטערן מערער געלט אויף די הוצאות קטנות (אויף "אלאוענס") ווי א צווייטער -

טאר ער (זי) ניט יוצא זיין דערמיט וואס ער (זי) וועט טאן אין זיין רוחניות'דיקן בית המקדש ווי עס טוט א קינד וואס האט ווייניקער מעגלעכקייטן פאר אים, נאר ער (זי) מוז טאן לויט זיינע מעגלעכקייטן. ווארום דאס גופא וואס דער אויבערשטער האט אים געשאנקן מיט בעסערע כשרונות, אדער די עלטערן גיבן אים מערער געלט (און דאס גלייכן) - באוווייזט, אז זיין מצוה איז, אז ער זאל טאן מערער און מערער.

*(המשך אין עמוד 2)*



# דערציייל מיר א מעשה

**א רוסישע איד וואס לעבט יעצט אין כפר חב"ד דערציילט...**

אין יאר תשכ"ו איז געווען זייער שווער ארויסגיין פון רוסלאנד. אסאך האבן געוואלט ארויסגיין און האבן ניט באקומען זייער וויזע ארויסצוגיין. איך האב אריינגעגעבן מיינע פאפירן בעטן אז מען זאל מיר ארויסלאזן אבער איך האב ניט באקומען קיין רשות.

ווען מיין שוואגער איז ארויסגעגאנגען יענע יאר מיט זיין משפחה צו ארץ ישראל, האב איך אים געבעטן גיין און בעטן א ברכה ביים רבי'ן. איך האב ניט געקענט דער רבי פערזענלעך און איך האב קיינמאל ניט געזעהן דער רבי, אבער איך האב געוואוסט וועגן זיין גרויסקייט.

וואכן זיינען דורכגעגאנגען און גארניט האט זיך געביטן. איין נאכט אין חדש תשרי האב איך געהאט א וואונדערליכע חלום.

אין מיין חלום האב איך געזעהן א בכבוד'יקן מענטש וואס האט געהאלטן אין זיין האנט די פאפירן וואס איך האב געדארפט. ער האט מיר געזאגט, "דו וועסט ארויסגיין פון רוסלאנד צו ארץ ישראל מיט די פאפירן."

ער האט מיר געגעבן די פאפירן און איז אוועקגעגאנגען.

ווען איך בין אויפגעשטאנען בין איך אנגעפילט געווארן מיט א גרויסע שמחה. איך האט געטראכט, "עס איז טאקע נאר א חלום, אבער אפשר איז דאס א סימן אז איך זאל גיין און פרובירן נאכאמאל צו באקומען די פאפירן."

איך בין געגאנגען צו די אפיס און איך האב געבעטן נאכאמאל אויף א וויזע.

"נאכאמאל קומסטו?!" האבן זיי געשריען, "מיר האבן דיר ערשט געזאגט אז דו קענסט ניט באקומען א וויזע."

איך האב ניט צוגעהערט צו זיי און איך האב נאכאמאל אריינגעגעבן מיין געבעט. ווער וואלט געגלויבט אז דריי טעג שפעטער איז איינער געקומען צו מיין שטוב און האט מיר געברענגט א וויזע!!

ווי שנעל איך האב נאר געקענט האב איך אויפגעפאקט מיינע זאכן און איך בין ארויסגעפארן פון רוסלאנד קיין ארץ ישראל.

ווען איך בין אנגעקומען אין ארץ ישראל איז מיין שוואגער געקומען מיר נעמען פון לופטפעלד. מיר זיינען געווען אזוי צופרידן זעהן איינער דעם אנדערן, און ער האט מיר גלייך געברענגט צו זיין שטוב בכדי זיך אפרוהען. ווען מיר זיינען אריינגעגאנגען אין זיין שטוב האב איך געזעהן אויפן וואנט א בילד פון א גרויסע צדיק. איך האב כמעט גע'חלש'ט.

"ווער איז דאס?!" האב איך געשריען.

"דאס איז דער רבי," האט ער געענטפערט.

*דאס איז געווען דער מענטש פון מיין חלום!!*



שפעטער האב איך אויסגעפונען אז אין יענע יאר תשרי האט מיין שוואגער געבעטן א ברכה פון דער רבי און ער האט באקומען א ברכה אויף דעם זעלבן טאג וואס איך האב געהאט דעם חלום!

**דער רבי האט געראטעוועט נאך א אידן!!**

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

און ווי דער אויבענדערמאנטן לשון פון דעם רמב"ם - "ומפארין אותו ומייפין כפי כחן, אם יכולין לטוח אותו בזהב ולהגדיל במעשיו הרי זה מצוה": דערביי איז ער מקיים אן "עקסטרע" מצוה וואס דער אויבערשטער האט געגעבן ספעציעל צו אים דורך שענקען אים ספעציעלע כוחות.

און בשעת ער וועט טאן לויט זיינע מעגלעכקייטן, וועט אים דער אויבערשטער געבן נאכמער פארשטאנד, און נאכמער מעגלעכקייטן אויף מקיים זיין מצוות, וואס דעמאלט וועט ער טאן אין זיין גאנצער אויפפירונג מערער ווי א צווייטער.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער – שיחת ז' מנחם אב תש"מ) 2*



## משיח נאו

דעם יאר איז אן עיבור–יאר ווען מיר האבן צוויי חדשים אדר. די טעג פון חדש אדר זיינען טעג פון שמחה. ווען עס איז פאראן צוויי חדשים אדר האבן מיר זעכציג טעג פון שמחה. מיר ווייסן אז אין הלכה איז פאראן א דין אז ווען עס איז פאראן עפעס וואס איז זעכציג מאל אזוי פיל ווי א צווייטער זאך ווערט דער זאך "בטל בששים" דאס מיינט אז עס ווערט ניט גערעכנט ווייל די אנדערע זאך איז זעכציג מאל אזוי פיל.

די זעלבע זאך איז מיט זעכציג טעג פון שמחה אין חדש אדר: אז אלע זאכן פון טרויער און צער ווערן בטל אין די זעכציג טעג פון שמחה, און מיר האבן דעם גאולה האמיתית והשלימה נאו ממש!!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

ב"ה

# פרשת תרומה

## כלי המשכן

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים אופיס פאר מיטוואך, ז' אדר א', און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**

| | |
|---|---|
|  | שם: __________ |
|  | שם: __________ |
|  | שם: __________ |
|  | שם: __________ |

____ עס האט געהאלטן די לוחות

____ די לחם הפנים איז געבליבן פריש א גאנצע וואך

____ מען האט עס באלויכטן מיט שמן זית זך

____ די קנויט איז געמאכט געווארן פון די אלטע בגדי כהונה

____ עס איז געווען די איינציגע כלי אין קדש קדשים

____ עס איז געמאכט געווארן פון האלץ און איז באדעקט געווארן מיט גאלד

____ עס האט געהאט דריי קעסטלאך, צוויי פון גאלד און איין פון האלץ

____ עס האט געהאט א ramp ארויף צו גיין

____ עס איז געמאכט געווארן פון האלץ און איז באדעקט געווארן מיט קופער

____ עס איז געמאכט געווארן פון איין שטיק גאלד

____ מען האט עס געלייגט אין חצר

____ עס האט געהאט צוועלף שאפעס פאר די צוועלף שבטים

**דער געווינער פון פרשת תצוה איז: מוטי דיסקין : מוסי לברטוב, 10**

נאמען: ____________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ______________________________

אי-מייעל: ______________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org